**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/13/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנאר האקול מעלדט איבער 6 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג צו פארבעסערן געזונטהייט גלייכבארעכטיגונג דורך 'CHOOSE HEALTHY LIFE'

***פינאנצירונג וועט אויפהייבן קאמיוניטיס דורכאויס דעם סטעיט און אויסברייטערן צוטריט צו מעטערנעל און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס***

***בויעט אויף גאווערנאר'ס פארפליכטונג צו מאכן ניו יארק מער עפארדעבל דורך שטיצנדע געזונטהייט ריסאורסעס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן 6.5 מיליאן דאלאר אין פארמערטע פינאנצירונג צו שטיצן Choose Healthy Life (CHL) (וועהלט אויס א געזונטע לעבן), א פראגראם געווידעמעט צו אויסברייטערן צוטריט און פארשטערקערן געזונטהייט סערוויסעס און שוואך-באדינטע קאמיוניטיס דורך די שווארצע קירכע. די גאווערנאר'ס אנגייענדע אינוועסטירונג אין Choose Healthy Life האלט אין איין וואקסן, רעפלעקטירנדיג איר פארפליכטונג צו פארבעסערן געזונטהייט תוצאות פאר שווארצע ניו יארקער.

"שווארצע קירכעס זענען די גרינדשטיין פון אונזערע קאמיוניטיס, צושטעלנדיג געטרויבארע ערטער פאר פארבינדונג, שטיצע און קעיר," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך ווייטער אינוועסטירן אין Choose Healthy Life, טוען מיר פארזיכערן אז קריטישע געזונטהייט סערוויסעס קומען אן צו אפילו מער פאמיליעס דורכאויס ניו יארק סטעיט."

מיט די נייע אינוועסטירונג, וועט די גאווערנאר שוין האבן געהאט פארשפראכן איבער 20 מיליאן דאלאר זייט'ן ארייננקומען אן אפיס צו שטיצן די אויסברייטערונג פון קריטישע סערוויסעס געצילט אויף פארבעסערן די געזונטהייט און וואויל-זיין פון שווארצע קאמיוניטיס. עס איז ווערד אנצומערקן, אז פאריגע יאר האט די גאווערנאר געמאכט א 5.9 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג צו אויסברייטערן אפעראציעס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, צולייגנדיג 10 Choose Healthy Life-פינאנצירטע קירכעס איבער'ן סטעיט, וועלכע סערווירן יעצט ניו יארקער אין עטליכע אפסטעיט קאמיוניטיס.

Choose Healthy Life איז געגרינדעט געווארן אין 2021 אינמיטן פון די COVID פאנדעמיע און איז געוואקסן צו פינאנצירן 120 קירכעס דורכאויס 13 סטעיטס. ניו יארק, מיט 30 קירכעס, האט מער CHL קירכעס ווי סיי וועלכע אנדערע סטעיט.

דורך איר נעטווארק פון 30 שווארצע קירכעס דורכאויס דעם סטעיט און שותפות מיט יונייטעד וועי (United Way) פון ניו יארק סיטי, האט Choose Healthy דערגרייכט איבער 200,000 ניו יארקער, אפגעהאלטן איבער 3,500 קאמיוניטי וואויל-זיין פארזאמלונגען, און צוגעשטעלט גרונטליכע געזונטהייט סקרינינגס, וואקסינאציעס און פארמיידנדע געזונטהייט סערוויסעס פאר איבער 20,000 מענטשן. איבער 14,000 מענטשן זענען געסקרינ'ט געווארן פאר געזעלשאפליכע אנדייטונגען פון געזונטהייט און

רעפער'ד געווארן פאר סערוויסעס. CHL'ס ארבעט אין ניו יארק איז אן אמת'ע פובליק-פריוואטע שותפות וואס שטעלט צו די בלו-פרינט פאר וואויל-זיין (Blueprint for Wellness), א גרונטליכע געזונטהייט סקרינינג וואס שטעלט צו בלוט-באזירטע טעסט רעזולטאטן אויף וואס מען קען נעמען שריט. די סערוויס ווערט צוגעשטעלט פאר אומזיסט דורך Quest Diagnostics.

**Choose Healthy Life גרונדער און באורד פארזיצער Debra Fraser-Howze (דעברע פרעיזער-האוז) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul'ס (האקול) אנגייענדע אינוועסטירונגען אין Choose Healthy Life טוען רעפלעקטירן א טיפע פארפליכטונג צו אדרעסירן די געזונטהייט שוועריקייטן צו וואס שווארצע ניו יארקער זענען אויסגעשטעלט. דורך אן אייגנארטיגע פובליק-פריוואטע שותפות מיט די סטעיט, שווארצע קירכעס און Quest Diagnostics, האבן מיר געקענט צושטעלן הויכע-קוואליטעט, אומזיסטע העלט סערוויסעס דירעקט אין געטרויעטע קאמיוניטי סביבות—איסברייטערנדיג צוטריט, פארבעסערנדיג תוצאות, און ראטעווענדיג לעבנס דורכאויס ניו יארק."

**יונייטעד וועי פון ניו יארק סיטי פרעזידענט און CEO Grace Bonilla (גרעיס באנליע) האט געזאגט,** "מיר זענען גאר שטאלץ צו האבן געהאט געדינט אלס די איינפירונג שותף פאר Choose Healthy Life זייט איר גרינדונג. יונייטעד וועי פון ניו יארק סיטי האט א לאנג-אנהאלטנדע רעקארד פון איינפירן און פארגרעסערן הויכע-השפעה איניציאטיוון וועלכע קומען נאך דרונגנדע קאמיוניטי געברויכן. די שותפות רעפלעקטירט וואס איז מעגליך ווען נאן-פראפיטס, קאמיוניטי-באזירטע ארגעניזאציעס און רעגירונגען ארבעטן באמת צוזאמען צו טרייבן אינאוואציע און אדרעסירן קאמפלעצירטע פראבלעמען. עס איז געווען א כבוד צו שטיין צוזאמען מיט Choose Healthy Life און גאווערנאר Hochul (האקול) צו פארזיכערן אז ניו יארקער פאמיליעס האבן די מכובד'יגע צוטריט צו די קעיר און שטיצע וואס קומט זיך זיי."

**Choose Healthy Life פרעזידענט און CEO Rev. Kimberly L. Williams (רעווערענד קימבערלי ל. ווילִיעמס) האט געזאגט,** "די פינאנצירונג פארשפרעכונג און אריבערגאנג צייכנען אפ א נייע קאפיטל פאר Choose Healthy Life. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) אנגייענדע אינוועסטירונג טוט באשטעטיגן די השפעה פון די ארבעט, און אונזער שותפות מיט יונייטעד וועי פון ניו יארק סיטי האט אוועקגעשטעלט די יסוד פאר לאנג-טערמיניגע סוסטעינעביליטי. צוזאמען, טוען מיר פארשטערקערן די בריק צווישן סייענס און די געטרויעטע באציאונגען פון די שווארצע קירכע צו ברענגען באדייטפולע רעזולטאטן לענגאויס ניו יארק."

**Choose Healthy Life קלערדשי קאונסיל קא-פארזיצער בישאף Leah D. Daughtry (לאה ד. דאוטרי) האט געזאגט,** "פאר פילע דורות, איז די שווארצע קירכע געווען א געטרויעטע ארט פאר פירערשאפט, קעיר און באשיצונג. מיט שטיצע פון גאווערנאר Hochul (האקול) און יונייטעד וועי פון ניו יארק סיטי, טוט יענער צוטרוי ווייטער פארמירן וויאזוי העלט קעיר דערגרייכט אונזערע קאמיוניטיס. Choose Healthy Life זעהט עס אלס א כבוד צו בויען אויף יענער לעגאסי."

**איבער Choose Healthy Life**
Choose Healthy Life (CHL) איז א נאן-פראפיט ארגאניזאציע וואס פארבעסערט געזונטהייט תוצאות דורך די שווארצע קירכע דורך פינאנצירן, אוועקשטעלן און טרענירן א געטרויעטע גלויבן-באזירטע געזונטהייט נעוויגעיטער ארבעטסקראפט. זייט איר גרינדונג אין 2021, האט CHL אפגעהאלטן איבער 11,000 פארזאמלונגען, וואקסינירט, געטעסט און פארטיילט זעלבסט-טעסט קיטס צו איבער 350,000 מענטשן, און גע'סקרינ'ט איבער 35,000 מענטשן פאר ברייטע געזונטהייט ריזיקעס. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [choosehealthylife.org](http://choosehealthylife.org).

**איבער יונייטעד וועי פון ניו יארק סיטי**

פאר 88 יאר, האט יונייטעד וועי פון ניו יארק סיטי געארבעט מיט א קאעליציע פון געטרויעטע שותפים צו פאראייניגן קאמיוניטי מאכט מיט מעגליכקייטן איבער'ן גאנצען סיטי. מיר ארבעטן דארט וואו רעגירונג, פריוואטע און פובליק שותפים קומען זיך צאם צו האבן א פאזיטיווע השפעה אויף אונזערע קאמיוניטיס, מאקסימיזירן השפעה דורך קאארדענירן און אויסגלייכן סערוויס פראוויידערס, פירמעס, לאקאלע רעגירונגען און ניו יארקער צו העלפן מענטשן פטור ווערן פון אפהאלטונגען און באקומען די מעגליכקייט צו פארבעסערן זייערע לעבנס. מיר קומען נאך די מערסט-דרונגנדע געברויכן פון היינט בשעת'ן בויען טראנספארמירנדע לעזונגען פאר'ן צוקונפט — שטרעבנדיג פאר געזונטהייט, גלעגנהייט, און שפע פאר יעדער ניו יארקער אין יעדער געגנט. צו לערנען מער, באזוכט unitedwaynyc.org.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן